Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

הײנט 10 זײטען

NAJER FOLKSBLAT פרײז 15 גראשען

# נײער פאלקסבלאט

№ 57 | Łódź, Poniedziałek 7 marca 1932 r. | צענטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ"ט אדר א' תרצ"ב | № 57

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

# אקציע צוריקצונעהמען מאנדזשוריע
# פיהרט איצט די כינעזישע רעגירונג

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) די אויסזיכטען ווע־גען אנהויבען כינעזיש־יאפאנישע אונטערהאנדלונגען וועגען א פארמעלען וואפענשטילשטאנד זענען מינ־מאלע, די כינעזער ווילען נישט אײנגעהען אויף די שארפע בעדינגונגען פון די יאפאנער. די כינעזער ווילען נישט אײנגעהען אויף קײן דעמיליטאריזירטע סטרעפע, די קאמפען קומען ווײטער פאר.

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) הינטער נאנטאנג אויף מערב פון שאנכאי האבען זיך הײנט אנגעהויבען געוואלדיגע קאמפען.

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) די כינעזישע אגענ־טור „זאמין" מעלדעט אז די רעגירונג האט בעשלא־סען צו ארגאניזירען א שטראף־עקספעדיציע קײן מאנדזשוריען. אין פעקין זאל ארגאניזירט ווערען אן ארמעע פון 200 טויזענד מאן כדי ארויסצוטרײבען די יאפאנער.

לאנדאן, 6. (ספ. טעל.) די יאפאנישע רעגי־רונג האט בעפוילען איהר אמבאסאדאר אין מאס־קווע, ער זאל מיטטײלען דער סאוויעטישער רעגי־רונג אז יאפאן האט נישט בדעה צו פיהרען מלחמה מיט סאוויעט־רוסלאנד.

מאסקווע, 6. (ספ. טעל.) „יונײטעד פרעס" ברענגט א ידיעה פון מאסקווע, אז נאכ'ן שארפען טאן, אין וועלכען ס'איז בעשטאנען אהויסגעטרעטען דער אפיציעלער סאוויעטישער ארגאן „איזוועסטיא" געגען יאפאן, האט זיך איצט אנגעהויבען א שארפע קאמפאניע פון דער גאנצער סאוויעטישער פרעסע.

„פראוודא" האט בעכטען אפגעדרוקט א שאר־פען ארטיקעל געגען יאפאן, צוליב די שארפע ארויס־טריטען פון דער גאנצער סאוויעטישער פרעסע וואקסט די אונרוהיגקייט און מען האלט, אז ס'איז נישט ווייט פון א סאוויעטיש־יאפאנישער מלחמה.

## די הײנטיגע זיצונג פון סײם
### ווערט ערווארט מיט שפאנונג

ווארשא, 6. (טעלעפאניש פון אונזער קאר־רעספאנדענט). מיט גרויס שפאנונג ווערט ערווארט די הײנטיגע זיצונג פון סײם. צוליב דעם וואס די רעגירונג טראגט אריין דעם פראיעקט וועגען פול־מאכטען פאר'ן מלוכה־פרעזידענט רעכענט מען, אז עס וועלען צוריקגעצויגען ווערען אלע געזעץ־פראי־עקטען וועלכע שטעהען אויף דער טאג־אָרדנונג פון דער הײנטיגער זיצונג, ווײל די רעגירונג וועט די געזעצען קענען אײנפיהרען דורך דעקרעטען.




## 2000 וואהל־מיטינגען אין בערלין

בערלין 6. (ספ. טעל.) ווי בעקאנט קומען פאר דעם נאהענטסטען זונטאג די וואהלען פון א דײטשען מלוכה־פרעזידענט. די וואהל־אקציע איז צוליב דעם שוין אין פולען גאנג. הײנט זענען אין בערלין פארגעקומען 1500 וואהל־מיטינגען אין לא־קאלען און 500 מיטינגען אונטער'ן פרײען הימעל.

## רײזע פון עגיפטישען קעניג איז ארץ־ישראל
### נישט געטראגען קײן פאליטישען כאראקטער

קאירא, 6. (יט"א טעלעגראפיש). די עגיפ־טישע פרעסע לײקענט אפ די קלאנגען אז די רײזע פון עגיפטישען קעניג קײן ארץ־ישראל זאל האבען געטראגען א פאליטישען כאראקטער.

## פראפ. אײנשטײן פערלאזט אמעריקא
### פאהרט צוריק קײן אײראפע

ניו־יארק, 6. (יט"א טעלעגראפיש). פראפע־סאר אײנשטײן איז צוריק אפגעפאהרען קײן אײ־ראפע.

צוליב'ן טויט פון אונזער געעהרטען און געליבטען אנקעל
משה גרשון
גיטלין
דריקען מיר אויס דער אין טרויער פערבליבענער פאמיליע אונזער טיפ־סטען מיטגעפיהל.
לײבל און נחום הערל
1529

פקידי הלשכה של הקהלה העברית בלודז
מביעים את השתתפותם בצערו העמק של
סגן נשיא שלטון הקהלה
מר ל. ה. ברגר נ"י
במות עליו אחותו מרת
רבקה לאה נ"ע

הקהלה העברית בלודז
מביעה בזה תנחומים לר'
אלעזר הינך ברגר נ"י
סגן נשיא שלטון הקהלה,
לאסון הגדול אשר מרהו בהלקח מאתו אחותו העדינה מרת
רבקה לאה נ. ע.
בתוך שאר אבלי ציון וירושלים תמצא נחומים בצרה.
1510

לײענט איבער און בעהאלט!
אויב דו ווילסט גליקליך זײן, אויב דו שטרעבסט נאך א גוטער צוקונפט וואס דארף זײן דער ציל פון דײן לעבען און אויב דו קאנסט דיך נישט דעצידירען אין דײנע אבזיכטען – טא קום און איבערצײג זיך צום
אײנציג בעריהמטען כיראמאנט ט. נעלקין
א דאנק זײן אונגעהויערן וויסען 30 יעהריגער פראקטיק לײענט ער ארויס פון דײן האנד אדער געזיכט די פערגאנגענהײט, געגענווארט און צוקונפט. ער רופט אן די נעמען פון דײנע שונאים און פרײנד. קאנסט געניי אינפארמירט ווערען וועגען אלץ, וואס דיך אינטערעסירט. ער גיט דיר די בעסטע עצות וועגען אלץ, וואס קאן דיר נוצען ברענגען. גיט די בעסטע כאראקטעריסטיק פון פאטאגראפיעס. ווען דו וועסט הע־רען ווי אזוי דער בעריהמטער כיראמאנט ט. נעלקין וועט דיר גלײך פאראויסזאגען, וואסערע צוקונפט דיך ערווארט און וואס דו לעבסט איצט דורך – וועסטו ערשטוינט ווערען. ∴ קום און איבערצײג זיך!
דער פרײז איז א קלײנער. פאר ארבײטסלאזע גרויסער ראבאט.
געקומען אויף א קורצע צײט קײן לאדז.
פאמארסקא 14, וואהנ. 5–4, פראנט 2־טען שטאק.
1512

מזל־טוב.
מײן הערצליכען מזל־טוב ווינש איך דער פערוואלטונג פון פעראײן
מחזיקי חולים קילינסקי 120
(שײבלערס ראיאן) צו זײער גרויסען ערפאלג דערגרײכונג צו בעקומען א אײגענעם לאקאל פאר'ן פעראײן מחזיקי חולים אלס מתנה. גלײכצײטיג ווינש איך דעם ה' שמואל הובעל און פרוי פאר זײער מתנה לטובת מחזיקי חולים אריכת ימים ושנים
5117
מיט אכטונג
יוסף פרײמאן

ביכער
א הײם
אויסצולײענען!
פוילישע און יודישע בי־כער גיב איך א הײם אויסצולײענען צו די ביליגסטע פרײזן אויף חודש און שטיק. איהר קריגט אויך צו קויפען ביליג דאזמארסקע ביכער. טעאטער־פיעסען און לידער, צו בעקומען בײם צײטונג־פערקויפער וועלניאוש
אלטע־שטאט 1.

רעשטען
פון ביליגער, טאמאשאווער
שטאפען
אויף אנציגער און פאלטענס
מיט 30% ביליגער
ווי אויך אנד. שטאפען און רעשטען
צו בעקומען בײ
SZCZĘSLIWY
נאוואמיעסקא 5, פראנט, II שטאק

